ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי

שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## יתרו

**(חלק טז — שיחה א)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**״אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה

מוקדש לזכרון הרבנית הצדקנית
מרת **חי' מושקא** נ"ע זי"ע
בקשר עם יום היאָרצייט־הילולא כ"ב שבט, ה'תשפ"א
אשת נשיא דורנו **כ"ק אדמו"ר זי"ע**

❁

**ע"י**
**מנחם מענדל בן חנה שרה**
**חי' מושקא בת חנה בתי'**
**רחל בת חי' מושקא**
**שיינא בת חי' מושקא**
**לוי בן חי' מושקא**

שיחיו לאורך ימים ושנים טובות

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2021
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# יתרו

א. אויפן פסוק „וישמע יתרו כהן מדין גו׳״ פרעגן חז״ל[1]: „מה שמועה שמע ובא״, און אין דעם ענטפער אויף דער שאלה זיינען פאַראַן עטלעכע דיעות: איין דיעה זאָגט „מלחמת עמלק שמע ובא״, אַ צווייטע דיעה „מ״ת שמע ובא״, און די דריטע דיעה „קרי״ס שמע ובא״.

איז ידוע[2] די קושיא וואָס מ׳פרעגט אויף דעם: וואָס פרעגן חז״ל „מה שמועה שמע״ און זוכן אַן ענטפער אויף דעם, בשעת דער פסוק אַליין איז ממשיך (אַז געהערט האָט ער) „את כל אשר עשה[3] אלקים למשה ולישראל עמו כי הוציא ה׳ את ישראל ממצרים״[4]?

נאָכמער: דאָס וואָס חז״ל זאָגן, אַז יתרו האָט געהערט וועגן „מלחמת עמלק״ אָדער וועגן „מ״ת״ וכו׳, איז, לכאורה, קשה פון דעם וואָס עס שטייט אין פסוק אַז געהערט האָט ער „את כל אשר עשה גו׳ כי הוציא גו׳״.

נאָך שווערער איז צו פאַרשטיין, וואָס אויך רש״י — וואָס איז לכל לראש מפרש לפי פשוטו של מקרא — א) פרעגט דאָ, אין זיין פירוש אויפן פסוק, די זעלבע שאלה און ב) אין זיין ענטפער איז ער מחבר צוויי (פון די דריי) דיעות: „קרי״ס ומלחמת עמלק״.

מוז מען זאָגן, אַז חז״ל און רש״י, מיט זייער שאלה און ענטפערס, זיינען אויסן צו באַוואָרענען אַן ענין אין תוכן הכתוב, וואָס פאָדערט הסברה און וואָס איז ניט מוסבר דורך המשך הכתוב „את כל אשר עשה וגו׳״. דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז דאָ ניט פאַרשטאַנדיק אין פשט הכתובים[5]?

נאָך דאַרף מען פאַרשטיין: דער נאָמען יתרו (איינער פון די זיבן נעמען[6]) איז צוגעקומען אין דער צייט ווען ער האָט זיך מגייר געווען — „כשנתגייר וקיים המצוות הוסיפו לו אות אחת על שמו״[7] — היינט ווי אַזוי רופט אים דאָ דער פסוק מיט אָט דעם נאָמען („וישמע יתרו״), וויבאַלד דאָ רעדט זיך וועגן דעם זמן ווען ער איז נאָך געווען „כהן מדין״ — נאָך איידער ער האָט זיך מגייר געווען[8]?

ב. בכדי דאָס אַלץ צו פאַרשטיין דאַרף מען פריער מבאר זיין אַ פירוש

1) מכילתא כאן. זבחים קטז, א. ירושלמי מגילה פ״א הי״א. וראה לקמן הערה 75 השינוי׳ בלשונם.

2) ראה מפרשי רש״י ריש פרשתנו. חדא״ג מהרש״א זבחים שם. כלי יקר כאן. ועוד.

3) ובפרש״י: בירידת המן ובבאר ובעמלק.

4) ובפרש״י: זו גדולה על כולם.

5) הכרחו של רש״י — ע״ד הפשט — לפרש שדוקא ב׳ ענינים אלה „שמע ובא״ — ראה לקו״ש חי״א ע׳ 77 הערה 32. וראה לקמן בפנים סי״ב ובהערה 75.

6) מכילתא ופרש״י כאן. ופרש״י שמות ד, יח. שמו״ר פכ״ז, ח. תנחומא כאן ד.

7) פרש״י כאן. עד״ז בשמו״ר שם (לפי׳ הא׳). ובמכילתא כאן: שייתר במע״ט.

8) ודוחק לומר, כמו שכ׳ אחדים מהמפרשים (ראה רע״ב, וט״ז כאן — לענין שם יתר) שהתורה קראו ע״ש העתיד וכמו בשם הנהר השלישי גו׳ קדמת אשור (בראשית ב, יד ובפרש״י), כי (ע״ד הפשט עכ״פ) זהו שייך לומר כשאין שם אחר, אבל יתרו הרי הי׳ לו ז׳ שמות כו׳. ועד״ז צ״ל בהכ׳ שמות ג, א. ד, יח. וראה מפרשי רש״י כאן. ואכ״מ.

המשניות פון רמב"ם, וואָס איז זייער תמוה בהשקפה ראשונה.

דער רמב"ם[9] ברייננגט דעם מאמר חז"ל[10] „(מיום שחרב ביהמ"ק) אין (לו) להקב"ה בעולמו אלא ארבע אמות של הלכה בלבד", און זאָגט אַז לערנענדיק דעם מאמר רז"ל כפשוטו קען עס אויס־קוקן צו זיין רחוק מאד מן האמת: ווייל צי איז דען „ד' אמות של הלכה" דער אויסשליסליכער תכלית און אַלעס איבעריקע „פּאַרוואָרפן" („מושלכת אחר גויו")?

און איז מבאר באריכות, אַז דער תכ־לית פון כל עניני העולם איז דער מענטש, און דער תכלית פון אַ מענטש איז ער זאָל צוקומען צו ווערן אַ איש השלם, און זיין שלימות באַשטייט אין „החכמה[11] והמעשה". ד. ה. אַז ער זאָל שטייגן אין חכמה און השגה ביז צום תכלית: „החכמה אלקית" — „לצייר לנפ־שו אחדות הקב"ה"[12], און אַלע איבעריקע חכמות זיינען נאָר אַ צוגרייטונג בכדי מ'זאָל שפּעטער צוקומען צו ידיעה אל־קית; און „המעשה" — ניט זיין שטוף בתענוגים — סור מרע, און מתקן זיין די מדות וכו' זיי זאָלן זיין ווי עס דאַרף צו זיין — ועשה טוב.

און נאָך דעם אַריכות הביאור אין דערויף פּירט אויס דער רמב"ם, אַז בשעת מ'וועט זיך מתבונן זיין און לער־נען פון דברי חז"ל די צוויי אויבנדער־מאָנטע ענינים „חכמה ומעשה", דעמאָלט וועט מען וויסן די ריכטיקייט פון מרז"ל „אין לו להקב"ה בעולמו אלא ארבע אמות של הלכה"[13].

דאַרף מען פאַרשטיין:

א) ווי אַזוי ווערט אויפגעקלערט די מעלה מיוחדת פון „ד' אמות של הלכה" דורך די צוויי ענינים פון „חכמה ומעשה"? דער קישור פון „הלכה" מיט „מעשה" איז מובן ווייל דער תוכן פון הלכה איז בכדי לידע „את המעשה אשר יעשון" ואלה „אשר לא תיעשנה", און „תלמוד גדול שהתלמוד מביא לידי מעשה"[14]; אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער ענין פון חכמה — ביז צו לידע „אחדות הקב"ה" — צום ענין פון הלכה[15]?

---

9) בהקדמתו לפיה"מ ד"ה אחר כן. ולהעיר שהנדפס בש"ס שלנו שזוהי הקדמה „מסדר זרעים" — צ"ע שה"ז הקדמת כללות פיה"מ. ואם מפני שסמכו לו — ה"ז סמוך למס' ברכות. וראה תרגומו של קאַפּאַח.

10) ברכות ח, א.

11) כמה פעמים לפני זה מובא הל' „דעת" (ולא „חכמה") — וצ"ע אם דייק המתרגם בזה.

12) גם מרמב"ם זה מובן גודל הכרח לימוד פנימיות התורה שהיא חכמה האלקית, שע"י דוקא אפשר „לצייר לנפשו אחדות הקב"ה" (נוסף על המפורש בספר היד החזקה (הל' יסוה"ת פ"ב ה"ב): והאיך היא הדרך לאהבתו ויראתו בשעה שיתבונן וכו').

13) בתרגומו של קאַפּאַח: „וכיון שמדבריהם ע"ה אנו לומדים שני הדברים הללו כלומר החכמה והמעשה ממה שביארו וממה שרמזו בצדק אמרו אין לו להקב"ה בעולמו כו'". ולפי פשוטו הכוונה שמלימוד תושבע"פ מגיעים לב' ענינים אלו. אבל עדיין חסר ביאור איך מגיעים ואיפה נרמז תכלית החכמה ידיעת אלקות ואחדות הבורא וכו', וכדלקמן בפנים.

14) קדושין מ, ב. ב"ק יז, א.

15) גם צלה"ב מה שמקשה בהתחלת דבריו „ובזמן שם ועבר ואחריו שלא היתה שם הלכה הנוכל לומר שאין להקב"ה חלק בעולם כלל" — והרי בזמן שם ועבר הי' „בימד"ר של שם ובימד"ר של עבר" וכמדרז"ל עה"פ (תולדות כה, כז) „יושב אהלים". ובע"ז (לו, ב): בב"ד של שם גזרו כו'. — ולהעיר מרמב"ם הל' ע"ז פ"א ה"ב. מו"נ ח"ב פל"ט. וארז"ל (יומא כח, ב) מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה כו' אברהם אבינו זקן ויושב בישיבה כו' יצחק אבינו זקן כו'.

ב) אפילו מ׳זאָל געפינען אַ רמז ואופן ווי איינצוטייטשן אַז דאָס וואָרט „הלכה״ האָט דעם באַדייט פון „חכמה״, איז נאָך אַלץ ניט מובן: דאָס וואָרט „הלכה״ ווערט דאָך פיל מאָל דערמאָנט אין ש״ס און ווערט געטייטשט כפשוטו[16]: אַ דין ווי אַזוי צו פירן זיך ע״פ תורה[17] — און דער טייטש פון „הלכה״ איז אויך נוגע לדינא (פון „אל יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה״[18], וכיו״ב). היינט פון וואַנען נעמט מען אַז אין דעם מרז״ל איז דער באַדייט פון וואָרט „הלכה״ אַנ־דערש ווי אומעטום[19]?

ג. מ׳וואָלט געקענט מסביר זיין אַז דאָס וואָס דער רמב״ם פאַרבינדט דא „ד״א של הלכה״ מיט חכמה פון ידיעת אלקות, האָט ער אויף דעם אַ הכרח פון התחלת מרז״ל „מיום שחרב ביהמ״ק״, וואָס דאָס מיינט, אַז די ד׳ אמות של הלכה פאַרבייטן דאָס וואָס דער ביהמ״ק האָט אויפגעטאָן —

און היות אַז אין ביהמ״ק בחוץ — אין לשכת הגזית — האָט זיך געפונען דער ב״ד הגדול — דער עיקר פון תושבע״פ און הלכה[20]; און גלייכצייטיק איז אויך דאָרט אבער לפני ולפנים — אין ארון בקדה״ק — געוועזן באַהאַלטן די לוחות (און ספר תורה[21]) וואָס דאָס אַלץ באַ־ווייזט אויף דער בחי׳ פון פנימיות התורה און רזין דאורייתא —

איז פון דעם מובן[22], אַז די „ד״א של הלכה״ וואָס פאַרבייטן דעם ביהמ״ק (לאחר חורבנו) מיינט ניט בלויז הלכות בנוגע למעשה, נאָר אויך די רזין דאוריי־תא, וואָס דאָס איז די חכמה ודעת אין אחדות הבורא.

אָבער לויט דעם ווערט נאָר פאַרענט־פערט די צווייטע שאלה — פון וואַנען איז די הוכחה אַז מיט „הלכה״ דא ווערט געמיינט אויך ידיעת אלקות כו׳. עס בלייבט נאָך אָבער ניט פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס זאָלן די חכמים זיך באַנוצן דאָ מיטן לשון הלכה, וואָס אומעטום ווערט געטייטשט אַנדערש? און בכלל: וואו איז אָט דער גאַנצער תוכן מרומז אין דעם ענין פון „ד׳ אמות של הלכה״?

ד. נקודת ביאור הענין: בפשטות — זיינען אויך די מצות פון אחדות השם, אהבת השם א. ז. וו. הלכות (און אין זיי זיינען דאָ כמה וכמה הלכות פסוקות[22*]).

16) ראה אַנציקלופדיא תלמודית ערך הלכה בתחלתו.

17) וגם מהמשך הגמ׳ ברכות שם: ואמר אביי .. כיון דשמענא להא .. לא הוה מצלינא אלא היכא דגריסנא.

18) ברכות לא, א. וראה רמב״ם הל׳ תפלה פ״ד הי״ח. ובכ״מ.

19) ובפרט שמשטחיות לשונו משמע שהכוונה באיש השלם הכולל חכמה ומעשה וכו׳ אינה רק לבנ״י אלא גם — להבדיל — באוה״ע, ומפורש בדבריו „חכמי האומות החולפים ואשר לא ראו הנביאים ולא שמעו חכמתם כבר ידעו גם הם שאין האדם שלם אלא כשיהי׳ כולל הדעת והמעשה״. ואיזו שייכות יש להם לד״א של הלכה?

20) סנהדרין פו, סע״ב (במשנה). ספרי שופטים (יז, ח). רמב״ם הל׳ ממרים בתחילתו. ובהל׳ סנהדרין פ״א ה״ג: קובעין בתחילה בי״ד הגדול במקדש כו׳ ומעמידין בכל עיר כו׳.

21) לדעת ר״מ הס״ת הי׳ מונח בארון, ולדעת ר״י בצד הארון (ב״ב יד, א. פרש״י וילך לא, כו).

22) אבל דוחק הוא, שהרי הרמב״ם שם לא הביא כלל התחלת מארז״ל „מיום שחרב ביהמ״ק״.

22*) ולכאורה עפ״ז צ״ע — כיון ש„דע לפני מי אתה עומד״ או כיו״ב (רמב״ם הל׳ תפלה פ״ד. שו״ע אדה״ז חאו״ח סצ״ח) וכוונת פסוק א׳ דק״ש מעכבות בתפלה והלכות פסוקות הן, כנ״ל — הי׳ צ״ל פתיחת התפלה בזה, ולמה „נהגו העם כו׳ אר״ז בנות כו׳״ (רמב״ם סדר תפלות בתחלתו).

יתרה מזו — מקרא מלא דיבר הכתוב שויתי ה׳ לנגדי תמיד (ראה טושו״ע ריש או״ח) וגם בזה כמה הל׳ פסוקות —

וי״ל אולי מפני שהידיעה לפני מי והכוונות הנ״ל,

און דער רמב״ם איז נאָך מדגיש אין אָנהייבס פון זיין ספר, וואָס איז ספר ההלכות און פסקי דינים דוקא — אַז זיי זיינען יסודי התורה און די מצות באַש־טייין אין „לידע (וואָס קומט דורך „חכמת אלקית״) שיש שם מצוי כו׳״ און „אלוקה זה אחד״ (אחדות השם) וכו׳.

— ביז אַז אפילו באַ אַ קטן איז זיין ערשטע הלכה און אָנהייבס טאָג זאָגען „מודה אני לפניך מלך כו׳״ ברכות וכו׳ —

און וויבאַלד אַז עס דאַרף זיין „כל מעשיך יהיו לשם שמים״, „ואפילו בשעה שהוא ישן וכו׳״ — ווי ער איז מאריך בהל׳ דעות[23] און מקומו של אדם איז ד׳ אמות — כדלקמן בארוכה — דאַרף אויך „הלכה״ זיין „ד׳ אמות״.

תרי״ג מצות, ובפרט — דער ציווי פון כל מעשיך יהיו לשם שמים זיינען דאָך געגעבן געוואָרן פון מתן תורה אָן — איז פאַרשטאַנדיק אַז ביז דאַמאָלס, כולל אויך „בימי שם ועבר״ איז דאָס אַלעס ניט שייך[24], ווי דער רמב״ם שרייבט דאָרט.

ה. דער ביאור אין דעם (בפנימיות): מ׳געפינט בנוגע צו כמה ענינים, אַז יעדער מענטש האָט פאַר זיך צוגע־טיילט ארבע אמות[25], און מ׳לערנט עס אָפּ[26] פון דעם וואָס עס שטייט[27] „שבו איש תחתיו״ — און דאָס ווערט אָנגערופן „מקומו של אדם״[28].

פון די טעמים דערויף, זאָגט די גמ־רא[29] — ווייל דער גוף פון אַ מענטשן פאַרנעמט שלש אמות, און נאָך אַן אמה ווערט צוגעגעבן אַז ער זאָל קענען אויפ־הויבן די הענט העכער פאַר׳ן קאָפּ[30].

לכאורה פאָדערט זיך ביאור אין דעם: וויבאַלד אַז פאַר דעם גוף — כולל אויך די הענט (במצב הרגיל) — איז גענוג שלש אמות[31], טאָ פאַרוואָס זאָל „מקומו״ אַלעמאָל גערעכנט ווערן ד׳ אמות צוליב דעם וואָס אַמאָל טרעפט אַז ער הויבט אויף די הענט אין אַ כלל ניט רגיל׳־

---

צ״ל בכאו״א לפי כחו דוקא, ורצו לתקן נוסח השווה לכל, שתקנו בהתפלה עצמה, בכל הברכות והתפלות (ראה רמב״ם הל׳ תפלה פ״א ה״ד).

23) פ״ג. וראה תוספתא ברכות רפ״ד. טושו״ע או״ח סרל״א.

24) ויומתק ביותר ע״פ דברי הרמב״ם במו״נ ח״ב פל״ט, עיי״ש.

25) חוץ לתחום בשבת (מכילתא (ופרש״י) בשלח טז, כט. עירובין מה, סע״א במשנה). וראה המאור לשבת צו, ב (לענין המעביר ד״א ברה״ר בשבת). תר״י ברכות כז, ב (לענין איסור התפלה אחורי רבו). שיטה למו״ק טז, א. ועוד. וכן תקנו שיהיו ארבע אמות של אדם קונות לו (ב״מ י, א), שלדעת כמה (ר״ן גיטין עח, א. ריטב״א שם (בתי׳ הב׳). שו״ת הר״י מיגש סי׳ קו) הקנו את הד״א עצמם. ועוד.

26) לענין תחומין — מכילתא (ופרש״י) שם. עירובין מח, א. נא, א. ירושלמי שם פ״ד ה״א.

27) בשלח טז, כט.

28) ראה ספרי זוטא (שלח טו, לב): אל יצא איש ממקומו יהא לו מקום וכמה אמרו ד׳ אמות. וראה שיטה למו״ק שם. ב״י יו״ד סי׳ שלד ד״ה וזה דין בשם קונדריסים. ובאמ״ב (שער הק״ש פמ״ב): דמקומו של אדם הוא ד״א .. לכך אסור להוציא מד״א בשבת .. וכן כשלא עירב כו׳. וראה תו״ח בשלח רנד, סע״ב ואילך.

29) עירובין מח, א. ובספ״ז שם מסיים בהמשך לזה „מכאן אמרו חכמים .. המעביר חפץ ברה״ר כו׳״. וראה אוצה״ג קדושין כו, ב סקנ״ג שגם ד״א של מציאה שייך לזה.

30) בעירובין שם בדעת ר״י „גופו שלש אמות ואמה כדי שיטול חפץ מתחת מרגלותיו ומניח תחת מראשותיו״. ור״מ ס״ל: כדי לפשוט ידיו ורגליו. ובתוספתא (שם פ״ג ה״י). מלא קומתו ופישוט ידיו הרי ד׳. ומוכח שגם לדעת ר״מ הכוונה לפישוט ידיו למעלה מהראש.

31) ע״פ דעת הרשב״ם ורמב״ן (ב״ב ק, ב) שג׳ אמות הוא ביחד עם הראש. אבל גם לפי התוס׳ (ב״ב ועירובין שם. ובכ״מ) דגופו של אדם ג׳ אמות היינו בלא ראשו — הרי עכ״פ אינו מגיע בראשו לד׳ אלא בצירוף ידיו.

דיקען מצב[32] – העכער פון'ם קאָפּ – און פאַרנעמט דאַן מער ווי דעם נאָרמאַלן אָרט?

ו. איז דער ענין בזה: די וועלט האָט דער אויבערשטער באַשאַפן אין אַ שלי־מות'דיקן אופן, עולם על מילואו נברא[33]; פונדעסטוועגן זאָגן רז"ל[34] אַז דאָס וואָס „ברא אלקים" איז „לעשות" – לתקן: דער תכלית פון דער בריאה איז, אַז דער אדם זאָל אין איר ווירקן און אויפטאָן מער ווי זי האָט אין זיך מצד הבריאה.

– אפילו אין ג"ע און נאָך לפני החטא (פון עץ הדעת), וואָס איז די העכסטע שלימות אין דער בריאה, האָט זיך געפאָדערט „לעבדה ולשמרה"[35] – דורך אדם הראשון.

אַזוי ווי דאָס איז לגבי כללות הבריאה, אַזוי איז דאָס אויך בנוגע דעם מענטשן.

און דאָס דריקט זיך אויס אויך אין מקומו הגשמי, אין דעם ענין (הפנימי) פון די „ד' אמות" הנ"ל: דער מענטש (ראשו, גופו ורגליו) מצד זיין בריאה פאַרנעמט ג' אמות (וואָס די ג' אמות זיינען כנגד ומרמז אויף די כלליות'דיקע ג' מדריגות פון ראש, גוף, רגל); און מצד הבריאה איז דער ראש – כשמו – די העכסטע מדריגה און מקום ביים מענטשן, נידעריקער דערפון איז דער גוף, און די נידעריקסטע דרגא און מקום זיינען די רגליים. ד. ה. – מצד הבריאה זיינען די ידים, ביי ביידע זייטן פון גוף, נידעריקער פון ראש.

די עבודה פון דעם אדם באַשטייט אין דעם, ער זאָל זיך אויפהויבן העכער ווי (די ג'[*35] אמות וואָס) מצד הבריאה, העכער ווי די העכסטע מדריגה אין זיין בריאה, וואָס דאָס איז דער ראש, דער מקום השכל; ד. ה. ער זאָל מיט זיין הבנה והשגה (ניט בלייבן ביים גדר והגבלה פון זיין „ראש" ושכל, נאָר) זיין אַריינגעטאָן אין ענינים וואָס זיינען העכער פון זיין „ראש" מצ"ע.

די דערהויבונג איז פאַרבונדן דוקא מיט „ידיו", וואָס באַצייכנט די בחי' פון מעשה, וע"ד מרז"ל[36] אַז דורך צדקה – נעשים מוחו ולבו זכים אלף פעמים ככה. ד. ה. אַז אויך זיין עלי' אין די כוחות נעלים פון השגה, ביז צום אויפהויבן זיי העכער פון זיין שכל (ווי מצד הבריאה), איז פאַרבונדן מיט „מעשה" בפועל. אין אַנדערע ווערטער (ולאידך גיסא): אַלע עילויים צו וועלכע ער דערהויבט זיך דאַרפן האָבן אַ השפעה און פועל'ן אַ שינוי אויך אין מעשה בפועל[*36].

און צוליב די צוויי ענינים „החכמה והמעשה", איז אים געגעבן געוואָרן דער מקום פון „ד' אמות" (מער[37] ווי די ג' אמות שמצד הבריאה)[*37].

32) להעיר מרמב"ן (ובחיי) בשלח (יז, יא): אמרו במדרש כו' (בס' הבהיר סקל"ח). וראה תו"ש עה"פ. וש"נ לבאר שבע בשו"ת.

33) ב"ר פי"ד, ז. וראה שם פי"ג, ג.

34) ב"ר פי"א, ו. וברש"י שם.

35) בראשית ב, טו.

*35) ולהעיר מלקו"ת ר"פ קדושים וש"נ. דרוש ג' בחי' אדם (אוה"ת במדבר ע' תתקסב ואילך).

36) תו"א בתחלתו. ונת' באוה"ת שם.

*36) ועפ"ז יומתקו דברי ר"י (עירובין שם) כדי שיטול חפץ מתחת מרגלותיו ומניח תחת מראשותיו, כי הכוונה היא דבחי' הכי תחתונות (במעשה) „מתחת מרגלותיו" תתעלנה לדרגת „מראשותיו".

37) מובן שאין לזה סתירה ממה שמצינו בכ"מ מעלה בג' לגבי ד' (שבת קד, א. פרדס ש' ערכי הכינויים מע' גד. לקו"ת במדבר עט, ב. ובכ"מ). ולהעיר מצפע"נ עה"ת ר"פ ויצא.

*37) ועפ"ז יובן מה שפשטות לשון הרמב"ם משמע שמדבר בנוגע לכל אדם, גם בנוגע לאוה"ע (כנ"ל הערה 19), כי כל אדם לעמל נברא (סנהדרין צט, ב. וראה ב"ר פל"ט, ח (בסופו)). ואכ"מ.

ז. כשם ווי דאָס איז אין דער בריאה פון כללות העולם והאדם, אַזוי וועט עס אויך זיין פאַרשטאַנדיק בשייכות צו תורה [וואָרום כל עניני העולם והאדם נעמען זיך פון תורה[38]]:

די תורה איז אוריין תליתאי[39] איינגעטיילט אין ג׳ בחינות, וואָס בכללות איז דאָס דער איינטייל פון תורה נביאים וכתובים [און דאָס איז דער מקור וסיבה וואָס די גאַנצע בריאה איז איינגעטיילט אין דריי דרגות וחילוקים, כידוע[40]].

און דורך דער עבודת התשובה, וואָס איז העכער פון גדר הבריאה, האָבן אידן דערגרייכט אַז ס׳זאָל אין תורה צוקומען אויך די פערטע מדרי׳[41], די „כפלים לתושי׳״ אין תורה, וואָס דאָס איז צוגעקומען דורך די לוחות שניות[42].

ובפרטיות איז דאָס אַזוי בכל חלקי התורה: ס׳זיינען דאָ די „ג׳ אמות״ (ג׳ מדרי׳) אין תורה ווי זי איז בגדר הבריאה, און דאָס זיינען — פשט רמז דרוש[43], וואָס דאָס איז דער גוף פון תורה[44]; דער תכלית איז אָבער אַז דער אדם ע״י יגיעתו זאָל צוקומען צו „ד׳ אמות״ — אויך צו דער פערטער „אמה״ און מדרי׳ אין תורה, וואָס איז העכער פונעם ציור קומה פון גוף התורה — און דאָס איז בחי׳ סוד שבתורה[45], „נשמתא דאורייתא״[46]. און אָט די דרגא אין תורה רופט אָן דער רמב״ם (שם): „נכבד שבמושכלות״, וואָס דורכדעם דערגרייכט דער מענטש צום תכלית — „לצייר לנפשו אחדות הקב״ה״[47].

אעפ״כ ווערן די אַלע ד׳ אמות אין תורה אָנגערופן „ד׳ אמות של הלכה״ [ובדוגמא ווי געדערעדט פריער בנוגע ד׳ אמות של האדם, אַז דאָס איז צוליב

38) ראה ב״ר בתחילתו.

39) ראה שבת פח, א. זח״ג רמו, א.

40) ראה ד״ה צעקו תרפ״ח פ״ו. סה״מ תרצ״ט ע׳ 223 ואילך. ובכ״מ.

41) להעיר מזהר שם, דבחי׳ הד׳ בתורה היא מלכות, ה׳, רביעית. ויובן עפ״ז מה שההוספה דמדרש הלכות כו׳ תושבע״פ, שנתוסף ע״י לוחות שניות (ראה בהנסמן בהערה הבאה) נק׳ בחי׳ ד׳ בתורה, כי מלכות פה תושבע״פ קרינן לה (הקדמת תקו״ז).

42) שמו״ר פמ״ו, א (בסופו). פמ״ז, ז. ומשמע שגם לפנ״ז הי׳ תורה נביאים כתובים. וכן מובן ממדרשי רז״ל עה״פ (תשא לא, יח) „ככלותו״ (תנחומא תשא טז. שמו״ר פמ״א, ה. פרש״י שם). אבל ראה נדרים כב, ב. ויתירה מכ״ז אמרז״ל דאפילו מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש נאמר למשה בסיני ודקדוקי׳ ואותיותי׳ של תורה היו כתובים בלוחות ראשונות ועי״כ צריך לחלק באופן ד„כתובים״ דתושב״כ או דתושבע״פ וכו׳* ובאופן דהאמירות למשה המפורשות — לאופן דאמירת מה שתלמיד ותיק יחדש — ועד״ז יל״פ גם בנדו״ד.

*) להעיר מגטין (ס, ב): אר״א תורה רוב בכתב (ובמפרשים שם). ירוש׳ פאה פ״ב ה״ד.

43) כנגד ג׳ עולמות בי״ע — ע״ח ומ״ח (הובאו בלקו״ד ח״ד תשעא, א). וראה הקדמת הרח״ו לשער ההקדמות (נעתק בקונט׳ עה״ח (הוספה הא׳) ע׳ 62 ואילך). רמ״ז לזח״א ד, סע״ב.

44) זח״ג קנב, א.

45) כנגד עולם האצילות — נסמן בהערה 43. ובאוה״ת בלק (ע׳ תתקלה): ופי׳ ד׳ אמות של הלכה היינו שיהי׳ שורה בהם ד׳ אותיות הוי׳, עיי״ש.

46) זח״ג שם. ולכן נחלק בכללות לב׳ מדרי׳: פשט רמז דרוש — גופא דאורייתא, תורה שבבריאה (בי״ע); סוד — נשמתא דאורייתא, שלמעלה מהבריאה (אצי׳). וראה בהקדמת הרח״ו שם. רמ״ז שם. קונט׳ עה״ח פי״ג־טו. ובכ״מ.

ולפעמים מבואר שה׳ מדרגות בתורה: ד׳ חלקים פרד״ס כנגד נרנ״ח, ובחי׳ יחידה. אבל זהו בפרטיות ע״פ תורת החסידות, ובכללות מבואר כבפנים (ראה קונט׳ ענינה של תורת החסידות סי״א ובהנסמן שם. לקו״ש ח״ה ע׳ 14 ואילך. ח״ו ע׳ 109 וע׳ 117 ואילך לענין שהתורה ניתנה בה׳ קולות). ואכ״מ.

47) ובכללות יותר: ג׳ דרגות ראש גוף ורגל בגוף התורה: תושב״כ תושבע״פ ופנימיות התורה; נשמת התורה — בחי׳ אלקות שבתורה (ד״ה משכני (הא׳) תש״א פ״ו).

הגבהת הידים למעלה מהראש], וואָרום ווען איז דאָ די הוכחה אַז ער האָט דער־גרייכט אויך די פערטע „אמה", סוד שב־תורה — בשעת אַז אויך בחי' התורה וואָס איז למעלה מגדר הבריאה קומט אַראָפּ און איז פאַרבונדן מיט הלכה, וואָס מיינט (כפשוטו) אַ דין בנוגע לפועל;

ואדרבה[48]: ווייל אָט די פערטע בחי', די נשמה פון תורה, איז למעלה מגדר הבריאה — דוקא דערפאַר איז עס נאָך מער נוגע אַז זי זאָל אַראָפּקומען אין הלכה, זי זאָל פועל'ן אויך אויף מעשה.

ח. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין דאָס וואָס מ'פאַרבינדט ד' אמות של הלכה מיט „מיום שחרב ביהמ"ק":

כאָטש אַז ס'איז לית אתר פנוי מיני' ומלא כל הארץ כבודו, איז אָבער דער גילוי און השראת השכינה געווען דוקא אין ביהמ"ק[49], און פון דאָרט איז דאָס נמשך געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. אין ביהמ"ק בכללות איז געווען דריי דיורין: חצר אה"מ, אהל מועד והוא ההיכל און דער קדה"ק[50]. איז הגם אַז השראת השכינה איז געווען אין גאַנצן ביהמ"ק, איז אָבער עיקר ההשראה גע־ווען אין קדה"ק, און אין קדה"ק גופא איז דאָס געווען דורכן ארון[49].

און דערפאַר רעכנט זיך דער ארון אַלס אַ פערטע מדריגה, כאָטש ער איז געשטאַנען אין קדה"ק (די דריטע מדרי'), ווייל דורכן ארון האָט זיך אַנטפּלעקט די בחינה פון תורה ווי זי איז העכער פון גדר הבריאה — דער „מקום הארון" ווי ער איז „אינו מן המדה"[51] — און דערין האָט זיך געזען „אחדות הקב"ה" בגילוי[52].

און צוזאַמען דערמיט איז אויך אָט די העכסטע דרגא געווען פאַרבונדן מיט „מעשה": נוסף אויף דעם וואָס דער בנין ביהמ"ק וכליו איז געווען ע"י מעשה ידי אדם, איז דאָך אויך אַזוי געווען דער סדר העבודות פון די כהנים אין ביהמ"ק גופא[53], ביז צום ארון אין קדה"ק — די הזיות ביוהכ"פ.

ט. אעפ"י אַז בכללות איז די הוספה אין תורה געקומען בלוחות שניות, דורך הקדמת עבודת התשובה פון אידן [און אַזוי אויך דורך יגיעה „דדחקין למלה דחכמתא ודייקין לה ומחכאן לה למנדע ברירא דמלה"[54], קען יעדער איד דער־גרייכן צום העלם העצמי פון תורה[55]],

און אַזוי אויך בנוגע לכל חלקי התורה, איז דער גילוי פון בחי' הד', סוד

48) דכמו שבעולמות עולם האצילות הנרמז בתיבת „אף" נסמך ל„עשיתיו" דוקא (ראה לקו"ת בלק סט, סע"ג), כן גם בד' חלקי התורה פרד"ס, חלק הסוד שבתורה (אצי') שייך לחלק השייך לעשי' דוקא (ראה לקו"ש ח"ה ע' 1 הערה 3 — לענין יינה של תורה שבפרש"י). וראה מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר (בשם אביו כ"ק אדנ"ע) אודות ניגון אדה"ז בן ד' בבות (נדפס בהתמים ח"ה ע' סג [רמד]) שבבא הד' שהוא מכוון כנגד עולם האצילות מובדל בעצם מהותו מבבא הג' (שהוא כנגד עולם הבריאה), ולהלן שם (ע' סד [488]. ובתורת שלום ע' 23. 25): ששייכת דוקא לבבא הא' שכנגד עולם העשי'.

49) ראה תניא פנ"א ואילך. סידור צח, ד. (ובכ"מ). ושם גם לענין ד"א של הלכה.

50) חצר אוה"מ כנגד בי"ע, אהל מועד — היכל, כנגד אצילות, קה"ק כנגד עולמות א"ס שלמעלה מאצילות — אוה"ת ויקהל ע' ב'קצה.

ד"ה והוא עומד תרס"ג פ"ב (סה"מ תרס"ג ע' נא). ד"ה כי הוא יברך הי"ת בתחילתו.

51) יומא כא, א. ב"ב צט, ב. וראה יומא שם שהיא במדרי' אחרת מהי' נסים שבביהמ"ק.

52) ראה המשך תרס"ו ע' רכז. ושם ע' רכח, שהו"ע יחוד הוי' ואלקים מלמעלה למטה. ד"ה והוא עומד שם (ע' נח).

53) להעיר מלקו"ש חי"א ע' 125.

54) זח"א קל, ב.

55) נת' בארוכה בד"ה ואברהם זקן (ולאח"ז) תרס"ו. וראה שם ע' תה ואילך. ועוד.

שבתורה, בעיקר נתגלה געוואָרן בדורות האחרונים[56], און דער תכלית השלימות בזה וועט ערשט זיין לעת״ל בגילוי תורתו של משיח, ע״י עבודת ויגיעת בנ״י במשך זמן הגלות –

איז אָבער ידוע אַז נאָכאַמאָל מ״ת וועט ניט זיין, וואָרום אַלעס איז „געגעבן געוואָרן" במ״ת[57], נאָר די המשכה וגילוי דערפון קומט שפּעטער ע״י עבודה ויגיעה.

און כאָטש אַז בכללות זיינען כל חלקי התורה געגעבן געוואָרן במ״ת בעשה״ד, בפרטיות אָבער איז בחי׳ סוד שבתורה נשמתא דאורייתא נמשך ונתגלה געוואָרן ע״י „וירד ה׳ על הר סיני"[58]. ד. ה. אַז המשכת והתגלות בחי׳ התורה ווי זי איז העכער פון גדרי הבריאה איז פאַרבונדן ניט נאָר מיט׳ן דיבור פון עשה״ד, נאָר מיט מעשה הקב״ה כביכול, „וירד ה׳ על הר סיני". ובפרט אַז אויך כפשוטו – איז דער פירוש פון דעם ירידה וגילוי מעשה מרכבה – סוד שבתורה.

ובסגנון הרמב״ם הנ״ל: במ״ת זיינען געוועןביידע ענינים – „חכמה" פון תורה אין אַלע אירע חלקים ביז צו בחי׳ סוד שבתורה, גילוי בחי׳ אחדות הבורא[59]; און דאָס איז פאַרבונדן מיט „מעשה" (נוסף לזה וואָס רובם פון עשה״ד זיינען ציוויים אויף מעשה בפועל) – „וירד ה׳ על ה״ס".

די הקדמה לזה האָט געמוזט זיין „ואל משה אמר עלה אל ה׳"[60], נבראים זאָלן אַרויסגיין פון זייערע גדרים, גדר התחתונים, ובלשון חז״ל[61]: „תחתונים יעלו לעליונים".

יו״ד. עפ״י כל הנ״ל וועט מען פאַרשטיין די אויבענדערמאָנטע שאלות (ס״א):

---

56) כי אף שעיקר גילוי סודות התורה יהי׳ לע״ל ע״י משיח, ישקני מנשיקות פיהו (שה״ש א, ב ובפרש״י) – הרי כבר נתגלה בימי רשב״י וכו׳ באופן של „הבל" עכ״פ (ראה קה״ר ספי״א. רפ״ב), ובדוגמת מה שגם לפני מ״ת (אצל האבות כו׳) הי׳ לימוד התורה באופן של „ריחות" (שהש״ר פ״א, ג (א)).

ועפ״ז יש לבאר מ״ש בלקוטי לוי״צ (אגרות ע׳ רכד) שגילוי החסידות שבי״ט כסלו הוא גבוה יותר מגילוי פנימיות התורה כו׳ שתתגלה ע״י מ״צ (ולכן כהקדמה לזה הי׳ העלם גדול ביותר), ד„לתורת הנגלה הי׳ מקודם קרי״ס שנקרע לי״ב קרעים, ולנסתר דתורה שע״י מ״צ יהי׳ מקודם קריעת הנהר לז׳ נחלים", וגילוי אור החסידות שלמעלה משניהם הי׳ הגאולה בי״ט כסלו, שכולל ב׳ הבחי׳ די״ב וז׳ –

דלכאורה: א) איך אפ״ל חיבור ב׳ הבחי׳ די״ב וז׳ (גילוי תורת החסידות בי״ט כסלו), קודם שתהי׳ הבקיעה לז׳ עצמה (שזו תהי׳ רק לע״ל)? ב) הרי נסתר דתורה ישנו גם לפני הבקיעה לז׳ נחלים (דלעתיד) – אצל רשב״י כו׳ ומזמן האריז״ל ואילך וכו׳?

אלא שגילוי בחי׳ נסתר שע״י מ״צ נתגלתה כבר באופן של הבל (עכ״פ) בזמן רשב״י וכו׳, ומזה מובן שברוחניות (עכ״פ) כבר היתה הקריעה לז׳ נחלים*.

---

*) ועד״ז הוא בנוגע איחוד נגלה ונסתר שהי׳ אצל רשב״י (ראה הנסמן לעיל ע׳ 39 הערה 45 בשוה״ג). אבל עפ״ז שמשווה (בלקולוי״צ שם) הגילוי די״ט כסלו לקריעה לז׳ נחלים **דלעתיד**, אולי אפ״ל שגילוי תורת החסידות בי״ט כסלו הוא לא רק באופן של „הבל" (כרשב״י כו׳), כ״א שכבר „ניתן" ונמשך למטה ע״י אדמו״ר הזקן [אף שגם תורת החסידות שבתורתו של משיח תהי׳ באופן נעלה מאשר עתה – שה״ז לימוד ע״ד ראי׳ (עיין ש׳ האמונה פ״ס)]. ולכן לע״ל יש צורך בההקדמה (דבקיעה **בפועל** – שהיא הקדמה) רק **לנסתר** דתורה (שבתורתו של משיח) – בקיעה ל**ז׳** נחלים – ולא לתורת החסידות (ענין של „י״ט") – כי תורת החסידות כבר נמשכה ע״י אדה״ז.

---

57) ד״ה ויאמר משה תש״ט פ״ו.

58) פרשתנו יט, כ.

59) ראה תניא פל״ו. ובכ״מ.

60) משפטים כד, א.

61) תנחומא וארא טו. שמו״ר פי״ב, ג.

ס'איז ידוע — דעת הזוהר[62] — אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן דוקא לאחר שבא יתרו ונתגייר. און ביאת יתרו איז געווען אַ הכנה צו מ"ת.

און דערפאַר רופט אים אָן די תורה דאָ מיטן נאָמען „יתרו" (און אויך די גאַנצע סדרה ווערט גערופן על שמו און ניט „שבת מ"ת" אפילו ניט ווי אַ שם נוסף. ווי לדוגמא שבת שירה וכיו"ב), ווייל אין אָט דעם שם יתרו „געפינט זיך" דער תוכן און דער תכלית פון מ"ת:

דער נאָמען „יתרו" איז דאָך כולל ביי־דע נעמען, סיי דעם נאָמען יתר ע"ש שיתר פרשה אחת בתורה[63], און די הוספה פון „וא"ו" אין זיין נאָמען יתרו ווען ער איז צוגעקומען צום קיום המצות.

און ווי גערעדט פריער דאָס זיינען די צוויי עניני שלימות פון „חכמה" און „מעשה", וואָס האָבן זיך אויפגעטאָן במ"ת, און די הכנה והקדמה לזה איז געווען דאָס וואָס אָט די צוויי שלימות'ן האָט יתרו פריער אויפגעטאָן[64] ביי זיך אַליין[65].

יא. ועפ"ז איז מובן וואָס דער פסוק איז גלייך ממשיך „(וישמע יתרו) כהן מדין" — וואָס פירושו איז דאָך אויך „כהן לע"ז"[66]. ולכאורה איז דאָך דאָס בסתירה צו דעם שבח פון יתרו[67]?

נאָר דער ביאור אין דעם:

דער תואר אין „כהן מדין, האָט צוויי אָפּטייטשן: א) כהן מלשון שר[68], ב) כהן – כומר לע"ז.

די צוויי פירושים זיינען בכללות די צוויי ענינים וואָס זיינען געווען אין יתרו (קודם שנתגייר): א) „כהן" מלשון שר — ער איז געווען אַ נכבד וחשוב ביי די אוה"ע, וואָס עיקר ענין השר איז בהנהגת המדינה און אויספירן פקודת המלך, מע־לות המעשה (פון מדין), ב) „כהן" מלשון כומר לע"ז, וואָס באַצייכנט גדלות וחשי־בות אין ידיעה והשגה, וכמאמר[69] (און ווי רש"י בריינגט עס אַראָפּ) שהי' מכיר בכל ע"ז שבעולם.

וואָס דער ענין פון מכיר בע"ז ובכלל בנדו"ד — איז (כמבואר בזהר) מעלות החכמה (פון מדין). ס'איז געקומען מחמת זייער טעות אין הבנה והשגה, ע"ד ווי דער רמב"ם[70] איז מאריך בזה אַז בימי אנוש וכו' האָבן זיי געמיינט אַז דערפאַר וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די כוכבים ומזלות וגלגלים און זיי געגעבן דעם כח להנהיג את העולם,

62) זהר פרשתנו סז, ב. סח, א. וראה ד"ה ויאמר משה שם. לקו"ש חי"א ע' 75 ואילך.

63) מכילתא תנחומא (ד) ופרש"י ר"פ. ובשמו"ר פכ"ז, ח (לפי' הד"א). ובספרי (בהעלותך י, כט) הוא בשם יתרו.

64) ראה ד"ה ויאמר משה שם, שזה שיתרו הוסיף פ' אחת בתורה (פ' ואתה תחזה), וקודם מ"ת הי' צ"ל הודאת יתרו דוקא — בכדי שבמ"ת תהי' גם בחי' התורה שתתגלה לעתיד, ובכדי שבכללות נש"י תהי' בחי' ראיית המהות במ"ת. ועפ"ז תומתק ביותר שייכות יתרו לבחי' הד', סוד שבתורה, שזוהי תורתו של משיח דלעתיד וגם ראיית המהות דמ"ת, עיי"ש.

65) ולהעיר שבפרשתנו (פרש"י יח, יג) מדובר גם ע"ד מוצאי יוהכ"פ — יום שניתנו לוחות שניות (משנה תענית (כו, ב) ובפרש"י שם), ולאחר זה הוסיף יתרו פ' אחת בתורה (ראה לעיל בפנים שהוספה בתורה באה בלוחות שניות). ובסיום הסדרה נאמר (כ, כא) „מזבח אדמה תעשה לי וזבחת עליו את עולותיך גו'" — שהוא התכלית דמצות בנין ביהמ"ק (רמב"ם ריש הל' ביהב"ח), וע"י הקרבת הקרבנות כו' נעשה השראת השכינה (ראה לקו"ש חי"א ע' 125 ואילך).

66) מכילתא כאן. שמו"ר פ"א, לב.

67) ראה עד"ז קושיית אוה"ח כאן. אבל ראה פי' הא' בפי' יונתן כאן.

68) מכילתא כאן. תנחומא שמות יא. פרש"י ויגש מז, כב. שמות ב, טז. וראה ת"א ות"י כאן.

69) מכילתא יח, יא. זהר שם סט, א.

70) הל' ע"ז בתחילתו.

**דאַרף מען די כוכבים ומזלות משבח ומ־פאר זיין און אָפּגעבן זיי כבוד.**

**און דאָס מיינט[71] וואָס יתרו „הי׳ מכיר** בכל **ע״ז שבעולם״, ער האָט געהאַט אַ ידיעה והכרה אין אַלע ממוצעים פון אַלע עולמות, זיין טעות זייענדיג נאָך כהן מדין איז געווען וואָס ער האָט ניט גע־וואוסט און אנערקענט אַז זיי זיינען ניט קיין מציאות לעצמם כלל, און מ׳טאָר זיי ניט מחשיב זיין אַלס מציאות פאַר זיך אליין.**

**און דאָס איז דער פסוק מדגיש „וישמע יתרו כהן מדין״, אַז איןביידע ענינים פון „חכמה ומעשה״ איז יתרו געווען — אין לעומת זה — בתכלית השלימות, און פונדעסטוועגן האָט ער** דערהערט **און איז** געקומען **און זיך מגייר געווען, און ביידע שלימות׳ן זיינע האָט ער מהפך געווען לקדושה[72]: „יתר״ — שיתר פרשה אחת** בתורה, **שלימות בענין החכמה ביז צו דער ידיעה אַז „גדול הוי׳ מכל האלקים״ — די שלימות אין אחדות הבורא, אז „כל האלקים״ אַלע ממוצעים האָבן ניט קיין שליטה וכח[73], זיי זיינען בלויז „כגרזן ביד החוצב בו״[74]; „יתרו״ — קיום המצות: תכלית השלימות אין** מעשה.

**יב. היות אַז דער ענין פון מ״ת איז (ווי ערקלערט במק״א בארוכה) דער ביטול הגזירה ביז אַז „תחתונים יעלו לעליונים״ — נבראים זאָלן אַרויסגיין פון זייער גדר אַלס נבראים און אויפהייבן זיך העכער, לעליונים — איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז אויך ביי יתרו (וואָס ביאתו איז גע־ווען אַ הכנה צו מ״ת) איז געווען אָט די עבודה מיט זיך אַליין: אַרויסגיין פון זיינע מדידות והגבלות.**

**און דאָס איז דער דיוק אין לשון רש״י „מה שמועה שמע** ובא**״ (און ניט בא ונתגייר): דער** פסוק **רעדט וועגן דעם וואָס האָט געבראַכט יתרו׳ן צו דעם אַז דערנאָך זאָל ער זיך מגייר זיין, און איז אין דערויף מסביר „את כל אשר עשה אלקים למשה ולישראל עמו גו׳״; די שאלה פון רש״י איז אָבער „מה שמועה שמע** ובא**״[75]: די אויבנדערמאָנטע שמועות האָט ער געהערט אין מדין, האָט ער געקענט בלייבן אין מדין און** דאָרטן **זיך מגייר זיין — וואָס האָט אים אָבער געבראַכט ער זאָל** קומען**: ער זאָל אַרויסגיין פון זיינע הגבלות ביז צום קומען אין אַ מדבר שמם, אַ מקום תהו[76]?**

**אויף דעם איז רש״י מסביר: „קרי״ס ומלחמת עמלק״: קרי״ס — וואָס איז געקומען דורך „ויסעו״[77] — „מעשה״;**

---

71) ראה בכ״ז לקו״ש חי״א ע׳ 74 ואילך.

72) להעיר גם מאוה״ח כאן.

73) וזה הכריח יתרו ממה ש„בדבר אשר זדו עליהם״: באם איבוד מצרים הי׳ ע״י אופן אחר, הי׳ מקום לטעות ולומר שגם לכחות הטבע ישנו כח ושליטה אלא שהוי׳ גדול מהם ושליט עליהם. אבל מזה שנאבדו בכח זה עצמו שדימו לאבד את ישראל — לא שאיבודם הי׳ ע״י איבוד ושבירת הכח שלהם, כ״א אדרבה, כח זה עצמו גרם איבודם — מוכרח שכל ענינו של הכח הוא רק כפי רצונו ית׳ (וראה ד״ה כי תראה חמור תש״ד ס״ד). וע״ד מ״ש בתו״א (מא, ד) בפירוש הכתוב כי גדול הוי׳ ואדוננו מכל האלקים (ובחצע״ג שם מביא גם הפסוק עתה ידעתי שאמר יתרו) „ומושל על כולם להיות היש בטל .. שכולם יש להם ציור ותמונה מבחי׳ חפץ ורצון הוי׳״, והיינו שציור הנבראים עצמם (לא רק נס שהוי״ע שידוד הטבע) הוא מרצון הוי׳. וראה כלי יקר כאן ד״ה את כל אשר עשה.

74) ראה בארוכה ד״ה מים רבים תשי״ז ובהנסמן שם (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ נא ואילך).

75) ומוכרח הוא גם מזה שרש״י בוחר הגירסא שבמכילתא „ובא״ ולא כבזבחים „ובא ונתגייר״ ולא כבירושלמי „מה שמועה שמע״ (ותו לא). ועפ״ז מתורץ גם בדרך הפשט דפרש״י.

76) ראה מכילתא ופרש״י עה״פ יח, ה.

77) בשלח יד, טו.

מלחמת עמלק — וואָס איז געקומען דורך חסרון „בחכמה", מ'פרעגט היש הוי' בקרבנו אם[78] אין און דער נצחון דורך נושאים עיניהם למעלה[79] — חכמה[80]. און אין דיביידע זאַכן האָט יתרו דערהערט אַז עס פאָדערט זיך די הכנה, די עבודה פון אַרויסגיין פון הגבלות[81].

קרי"ס: ס'איז ידוע אַז דער ענין פון קרי"ס, הפך ים ליבשה, איז דאָס דער ביטול פון די הגבלות ומחיצות צווישן העלם (ים) און גילוי (יבשה), ווי דערקלערט באריכה במ"א[82] — וואָס אין דעם איז באַשטאַנען די הכנה צו מ"ת וואָס ענינה איז „תחתונים יעלו לעליונים כו'".

מלחמת עמלק: קליפת עמלק איז דער ענין פון קרירות, אשר קרך בדרך[83]; וואָס דער ענין פון קרירות איז מנגד בעיקר אויף די עבודה פון למעלה מטו"ד — בדקות איז קליפת עמלק מסכים אַז מ'דאַרף דינען דעם אויבערשטן. ער קען אָבער ניט דערלאָזן צום אַרויסגיין ממדידות והגבלות, למעלה מטו"ד[84]. און דאָס איז דער ענין פון מלחמת עמלק — ברעכן די קליפה פון קרירות צו דער עבודה שלמעלה מטו"ד.

און די שמועה פון אָט די צוויי ענינים — קריעת ים סוף ומלחמת עמלק — האָט באַווירקט יתרו'ן ער זאָל קומען — „ובא" — ער זאָל אַרויס פון זיינע הגבלות, אַוועקגיין פון זיין כבוד אַלס „כהן מדין", און קומען אין אַ מדבר שמם כו' להתגייר; און אָט דאָס איז געווען די הכנה צו מ"ת, ווען ביטל הגזירה כו' און — תחתונים יעלו לעליונים.

(משיחות יו"ד שבט, וש"פ יתרו תשכ"ד)

78) שם יז, ז.

79) ראה ר"ה כט, א (במשנה).

80) להעיר שקרי"ס — בסיפא דכל דרגין מלכות (מעשה), עמלק — ראשית גוים — מליקה (תו"א פה, א ואילך).

81) עפ"ז למ"ד (במכילתא כו') „מ"ת שמע ובא" צ"ל דס"ל דמאופן נתינת התורה בפועל ידע הענין דיציאה מהגבלות.

82) ראה תו"א ולקו"ת (כמסומן במפתח ערך קרי"ס). וראה שער האמונה פנ"ד. המשך והחרים תרל"א ע' ה.

83) תצא כה, יח. וכדרז"ל (תנחומא שם ט. ובפרש"י) ל' קור כו'. הקרה מפני אחרים. וראה ד"ה והי' כאשר ירים תר"פ אות ג' ואילך. ד"ה זכור וד"ה והי' כאשר ירים תרצ"ד (סה"מ קונטרסים ח"ב ע' 570 ואילך). לקו"ש ח"א ע' 209 ואילך. ובכ"מ.

84) ובפרט שמצד קרירות דעמלק הי' יכול לטעון שמספיק יציאתו מהגבלותיו בזה שפירש עצמו מע"ז בהיותו במדין, שאז נידוהו מאצלם (תנחומא שמות יא. שמו"ר פ"א, לב. פרש"י שמות שם).